גליון ה | חג הפסח




# והחיה נרדמים

לעבהאפט טראפנס פונעם קוואל פונעם הייליגן ר' נתן

# גלייבן אדער פארשטיין?

א גייסט פון פארלייכטערונג נעמט ארום יענקל זעענדיג דאס פעקל באנקנאטן ליגן אומבארירט, די אקציע האט זיך ארויסגעשטעלט אלס סוקסעספול, און פון יעצט ווייסט ער אז ער קען זיך רואיג פארלאזן אויף זיין נייעם ארבעטער - שמערל.

שוין עטליכע וואכן וואס שמערל ארבעט ביי אים אין געשעפט, יענקל איז גאנץ צופרידן מיט זיין נייעם ארבעטער, ער מאכט א גוטן ארבעט. ער שפירט אז זיין באשלוס ארייַנצונעמען א פרישן ארבעטער אין געשפעט איז געווען ריכטיג, און עס קען אים ברענגען פילע פארדינסטן.

אבער אזויווי געוועינדליך, ווען אַן אייגנטומער פון אַ געשעפט נעמט אויף אַ נייעם אַרבעטער וועמען ער קען נישט פון פריער, אין דער ערשטער שטיק צייט וועט ער אים נאָכקוקן מיט פאַרדאַכט אַז ער איז נישט קיין פאַרלעסליכער מענטש, האט יענקל זיך באצויגן צו שמערל אין אן אופן פון 'כבדהו וחדשהו'.

יעצט נאך א שטיק צייט שפירט שוין יענקל ווי ער קען געטרויען דעם שמערל, אבער כדי עס צו פארזיכערן האט יענקל אונטערגעשטעלט א טעסט אויסצופרובירן שמערל'ן אויב מען קען אים גלייבן עד הסוף, נעמליך ער האט איבערגעלאזט 'בטעות' עטליכע בלויע הונדערטער באנקנאטן אויף א מערקבארן ארט אינעם סטאָרידזש פון געשעפט דארט ווי נאר שמערל האט איינטריט, און געווארט צו זען אויב דער פקדון וועט בלייבן אומבארירט.

יעצט ווען דער פארהער איז דורך בשלום, ווערט יענקל איבערצייגט אין זיין ערליכקייט, ער געטרויעט אים שוין פולקאָם מיטן גאַנצן האַרץ, ער גלייבט אים מיט גרויס געלט - אפילו נאָך גרעסערע געלטער פון וואָס ער האָט איינגעזען זיין אויסגעהאַלטנקייט.

אבער, לויפט דורך א מחשבה ביי יענקל אין קאפ, אפשר נאר דער נסיון פון עטליכע הונדערט דאלער איז ער בייגעשטאנען, ווער זאגט אז א נסיון פון צען טויזנט דאלער וועט ער אויך ביישטיין? גאנץ שנעל פאטרייבט אבער יענקל דער מחשבה'לע, צוליב וואס זיין הארץ זאגט אים אז שמערל איז באמת אַן אָרנטליכער און מען קען אים גלויבן און געטרויען בלינדערהייט.

דאס איז א באקאנטע פאקט אז דער אויבערשטער האט באשאפן א מענטש מיט אַן אינערליכע אינסטינקט צו שפירן דעם אמת, דאס באגלייבטקייט פון שמערל האט נישט דווקא מיט דעם וואס ער איז דאסמאל בייגעשטאנען דעם נסיון, ער האט מיט דעם באוויזן אפצוקויפן דאס הארץ פון יענקל ער זאל זיך פילן רואיג מיט אים און אים גענצליך געטרויען.

## באַלעבן דער אמונה

צווישן די פילע הייליגע מצוות אינעם גרויסן 'ליל הסדר', שפילט א הויפט ראָלע די מצוה פון 'סיפור יציאת מצרים - 'פאַרציילן דער אויספירליכער געשיכטע פון יציאת מצרים. און ווי ברייטער אַ מענטש שמועסט אויס דעם פאַסירונג מיט אַלע ניסים אַרום און אַרום - איז אַלץ בעסער און שענער, ווי דער בעל הגדה זאָגט: "**כל המרבה לספר ביציאת מצרים הרי זה משובח**".

די סיבה דערצו איז, ווייל ווי מער אַ מענטש רעדט, ווערט ער מער באַהאָפטן דערצו, עס נעמט אַרום זיין גאַנצן וועזן כאילו עס האָט יעצט פאַסירט; ער לעבט-מיט די מכה פון דם, ער זעט ווי די וואַסער ווערט פלוצים רויט און געדעכט ווי בלוט, און אַזוי ווייטער די אַנדערע מכות - ביזן ענדגילטיגן אַרויסגאַנג פון דאָרט; דערנאָך די צושפּאַלטונג פונעם 'ים סוף', ווי אידן גייען דורך דעם ים אין טרוקעניש. דאָס אַלעס ווערט לעבעדיג און טאַפּעדיג בשעת אַ מענטש שילדערט עס מיט אַלע איינצלהייטן און פרטים אין די לענג און אין די ברייט.

דער ציל פונעם גאַנצן 'סיפור יציאת מצרים' איז כדי אַרייַנצוברענגען אין אונז 'אמונה' אַז עס איז דאָ אַ באַשעפער וועלכער פירט דער וועלט אַ גאַנצע צייט, און ער קען דרייען מיט דער וועלט וויאַזוי ער וויל. ער איז דער וואָס מאַכט אז וואַסער זאָל זיין וואַסער און בלוט זאָל זיין בלוט, און ווען ער וויל דרייט ער איבער פון וואַסער - בלוט און פון בלוט - וואַסער, פון ים - טרוקעניש און פון טרוקעניש - ים. הגם מיר אַלע זענען דאָך מאמינים בני מאמינים, קיינער ביי אונז האָט נישט קיין ספיקות ח"ו ווער עס האָט באַשאַפן דער וועלט - און קאָנטראָלירט עס, פונדעסטוועגן דאָך דאַרפן מיר נאָך אַסאַך אַרבעטן אויף 'חיזוק אין אמונה'; אונזער אמונה זאָל ווערן לעבעדיג און וואַך - ווי גלייך מיר זעען עס מיט די אויגן.

דערפאַר האָט מען אונז געשאָנקען דעם הייליגן יו"ט פסח הבעל"ט, זיך גוט צו פאַרטיפן אינעם נס פון יציאת מצרים, אויפכאַפּן ווי פון יעדן איינצלהייט פון דער מעשה ווערט אויפגעוויזן דער ריכטיגקייט פון אונזער אמונה אַז עס איז דאָ איין איינציגער באַשעפער וואָס האָט אַלעס אַליין באַשאַפן, ער פירט אַלע וועלטן - און צווישן זיי - אויך אונזער נידריגע וועלט, ער קען טון וואס ער וויל - אפילו עס איז אַנדערש ווי דאס טבעיות'דיגן שטייגער, ער האָט אויסגעוועלט אידן פאַר זיין באַליבטן פאָלק - כאָטש מיר פאַרשטייען נישט דער אורזאַך דערצו, און ער שטראָפט סוף-כל-סוף די זינדיגע רשעים - אפילו אויב זייער הצלחה דויערט לאַנגע יאָרן, א.א.וו. די אַלע פונדאַמענטן פון אמונה. ווי לענגער און ברייטער מען פאַרציילט דעם 'סיפור יציאת מצרים', אַלץ מער ווערט געשטאַרקט אונזער אמונה אין האַרץ.

> אַזוי קען מען גרייכן אַז אפילו היינט-צוטאָג אין גלות, זאָל זיין: "לילה כיום יאיר", מען זאָל האָבן אַ ליכטיגע אמונה ווי גלייך מען זעט עס מיט די אויגן

## זיך איבערצייגן, אָדער גלייבן?!

פרעגט זיך אַ פראַגע: ווי קען מען זאָגן אַז מיר מעגן און דאַרפן זיך מתבונן זיין אין די אַלע איינצלהייטן פון די מופתים פון יציאת מצרים כדי אַזוי אַרום זאָל זיך שטאַרקן אונזער איבערצייגונג אינעם אויטענטישקייט פון דער הייליגער אמונה? מען האָט דאָך אונז פון אייביג אויסגעלערנט, אַז מיר דאַרפן נישט אַליין פאַרשטיין און זיך איבערצייגן די וואָרהייט פון אונזער אמונה, נאָר בויען אויף 'מסורת האבות', זיך פאַרלאָזן אויף אונזערע זיידעס און עלטער-זיידעס וועלכע האָבן אונז אויסגעלערנט די אַלע יסודות האמונה.

טאָמער וועט אַ מענטש בויען זיין אמונה אויף זיין אייגענע איבערצייגונג, קען דאָך מאָרגן קומען אַן אפיקורס און זיך אויס'טענה'ן מיט אים אַז אפילו נאָך אַלע מופתים פון יציאת מצרים, איז נאָך אַלץ דאָ אַ פלאַץ זיך צו שפּאַרן און כופר זיין רח"ל, וואָס דעריבער דאַרפן מיר אַלעס אַוועקשטעלן אויף אונזערע עלטערן און גאָרנישט איבערטראַכטן?!

אָבער פון די אַנדערע זייט, אויב זאָל טאַקע אונזער גאַנצע אמונה זיין באַגרינדעט נאָר אויף אונזער מסורה, איז וויאַזוי איז מעגליך צו שטייגן אין אמונה? וויאַזוי קענען מיר גרייכן דער מדריגה פון אמת'דיגע אמונה - אַז עס זאָל זיין ווי גלייך מיר זעען עס מיט די אויגן?!

פארזעצונג אין עמוד 8

האט איר הנאה געהאט פונעם גליון? האט איר סיי וואסערע הערות און געדאנקען איבערצוגעבן? לאזט איבער א מודעה אויף **מערכת ברסלב** **605-313-1800** ביים ספעציעלן אפטיילונג 2>5<9

חיות דקדושה
א ברסלב'ע חבורה פול מיט לעבן



# ארעם אדער רייך?

אן ערב פסח גערוך שפירט זיך אין די לופט דארט אין ווייבער שוהל ווי עס זיצן ארום א טיש די זעקס חברים ביים וועכנליכן דינסטאג חבורה.

דוד'ס קאפ איז אריינגעשטעקט טיף אינעם הגדה של פסח, ווען מיט אן איינגעקנייטשטע שטערן איז ער דארט מעיין.

דער שטענדיגע פרייליכע יוסף זונדל קוקט היינט אויס אביסעלע צובראכן, און אויפן אנפראגע פון אברהם משה וואס עס גייט פאר מיט אים איז דער תירוץ די באקאנטע ברסלב'ע פזמון: "עס איז שוין אזויפיל יארן, ימים ושנים וואס איך בענק צו לערנען יעדן טאג כאטש א בלאט און א האלב גמרא, און וויפיל מאל איך פרוביר און איך הייב אן פאל איך אראפ. אט דאס מאכט מיר צובראכן".

אינטערעסטאנט וואס דא גייט פאר – הערט זיך דוד'ס קול ארויס פונעם הגדה, ווייזט אויס אז ער האט נישט מיטגעהאלטן דעם יעצטיגן קורצן געשפרעך – "די הגדה הייבט זיך אן מיט די ווערטער 'הא לחמא עניא', דאס הייסט אז די גאנצע ענין פון די מצה איז א בחינה פון ארעמקייט. דאקעגן א שורה שפעטער זאגט מען 'כל דיכפין ייתי ויכול', א זאץ וואס ווייזט אויף גרויס עשירות, טא וואזשע ביסטו? אן עושר אדער אן עני?

די זעלבע זאך איז ווייטער דורך אויס דעם סדר עסט מען מצה מיט מרור עסנווארג וואס דערמאנען די ביטערקייט פון אן ארעמאן, בעת וואס אין די זעלבע צייט עסט מען אנגעלאנט און מען טינקט איין צוויי מאל – אקטיוועטעיטן וואס דערמאנען שטארק א רייכן.

## איז וואס וויל מען דא עניות? אדער זאגאר עשירות?

א גרודער האט זיך געהערט פונעם קלאמקע – אלע קעפ האבן זיך מיטאמאל ארום געדרייט – זאנוויל איז ערשינען, און אויך האט ער נישט אויסגעזען צו רואיג. צו לאנג האט ער נישט געלאזט דעם עולםווארטן, נאר תיכף האט ער אנגהויבן זיין מגילה: "מורי ורבותי, איך גיי ארום אן קיין קאפ, עס קומט פסח די הוצאות זענען שרעקליך גרויס, איך רעדט שוין נישט פון פשוט מצות, וויין, אייער, און קארטאפל, חוץ מזה דארף מען נאך צאלן פאר די ריינירקע, פרישע מלבושים, און אזוי ווייטער, די ליסטע איז גרויס און די קעשענע איז לעהר, איך ווייס נישט ווי מען גיבט זיך אן עצה...

א שטילקייט האט באנומען דעם צימער ווען איטליכער שפילט זיך מיט די ברעקלעך פארט פון אים, אלע זענען מסכים מיט זאנוויל די מצב איז ענג. אויך יוסף זונדל'ס פראבלעמען באדערן; ווען וועט מען שוין זוכה זיין צו זיין אן ערליכע איד?! אויך די אינטערעסאנטע שאלות פון דוד פארנעמען דעם עולם'ס קעפ.

א זעץ פון משה דוד'ס האנט האט אויף געטרייסלט דעם ארום ווען ווי א ווינט געטריבענער לויפט ער צו צום ספרים שאנק שלעפט ארויס א לקוטי הלכות און יאגט צירוק צום טיש, "טייערע חברים די תשובות אויף אלע אונזערע ספיקות אין לעבן געפינען זיך אין אט די אכט בענדער פון דעם סעט, און דער עטנפער אויף די דאזיגע הארבע פרעגן וואס זענען אנגעפרעגט געווארן דא היינט פארנאכטס טרעפן מיר הלכות פורים הלכה ו'".

## עס קומט זיך מיר גארנישט

דער הייליגע רבי נתן זי"ע לערנט אונז אז עס קומט זיך גארנישט פאר א מענטש אויף דער וועלט! קיינער! אפילו דער גרעסטער צדיק קומט נישט נאך די פארלאנגען וואס פאדערט זיך אז א באשעפעניש זאל טוען פארן בורא עולם. אפגערעדט מענטשן וואס זיי טוען און ליגן וואו זיי ליגן, עס קומט זיך דיר גארנישט!

און אזוי דארף זיך יעדער איינער אנקוקן ווי אן ארעמאן, סיי אויב ער איז טאקע ארעם, און סיי אויב ער האט יא געלט, און אפילו אויב ער איז א גרויסע עושר. אזוי ווי דוד המלך וואס טראץ זיין גרויס רייכטום און עשירות זאגט ער: "כִּי עָנִי וְאֶבְיוֹן אָנֹכִי" (תהילים ק"ט) "וַאֲנִי עָנִי וְאֶבְיוֹן" (שם מ') דאס הייסט אז בעצם בין איך אן ארעמאן און עס קומט זיך מיר אפילו נישט אביסעלע טרוקענע ברויט און שמוציגע וואסער.

אויב א מענטש וועט זיך אזוי אנקוקן, וועט אים אלעמאל זיין גוט און ער וועט זוכה זיין צו אמת'ע עשירות, אזוי ווי עס שטייט אין פרקי אבות 'איזהו עשיר השמח בחלקו' ער פרייד זיך מיט וואס ער האט, ווייל וואס ער האט איז אלס א 'באנוס' עס קומט זיך אים נישט. (און בזכות זה וועט ער טאקע זוכה זיין צו אמת'ע עשירות).

אנדערש זענען אבער די מענטשן וואס טראכטן נישט אזוי, ווען זיי זענען ארעם זענען זיי ברוגז און אין כעס אויפן אויבערשטן רח"ל און תיכף ווען ער האט שוין אביסל געלט גייט ער ארויף א סטאנדארט, יעצט דארף ער שוין אויף פסח אנקליידן זיינע קינדער פון קאפ ביז פיס פון פריש, הערליכע נייע זילבערע כלים פארן סדר, און אזוי ווייטער, דאפעלט און טריפעלט פון וויפיל ער קען זיך ערלויבן.

> די תשובות אויף אלע אונזערע ספיקות אין לעבן געפינען זיך אין אט די אכט בענדער פון דעם סעט

אזוי ארום ווערט ער שוין ווייטער פארביטערט אז ער האט נישט גענוג געלט, אזש זיין גאנץ לעבן איז אים איין שטיק ביטערקייט אפילו בשעת זיין עשירות איז אים נאך ערגער פון זיין עניות, עס איז דא אזעלבע וואס נעמען זיך רח"ל דאס לעבן, אנדערע קומען אן דורך דעם צו ארעמקייט און שטארבן בעלי חובות 'שֶׁקּוֹרִין אָן זֶעצֶרְס', און אויך ווען זיי זענען עשירים זענען זיי גרויסע עניים ווייל קיינמאל האבן זיי נישט גענוג וויפיל זיי דארפן.

## דער גרעסטער רייכטום

פארשטייסט זאנוויל? מען דארף געדענקען אז עס קומט זיך אונז גארנישט, אונז זענען געבורין נאקעט! עָרֹם יָצָאתִי מִבֶּטֶן אִמִּי (איוב א') און אזוי מען זאגט אין די הגדה 'וְאַתְּ עֵרֹם וְעֶרְיָה', און אזוי וואלטן מיר געדארפט בלייבן. נאר דער אויבערשטער האט רחמנות אויף אונז און ער גיבט אונז אזויפיל זאכן במתנת חנם, ממילא אז מיר האבן אזא רייכן טאטן וואס האלט אונז אויס און גיבט אונז אלע אונזערע באדערפענישן זענען מיר די גרעסטע עשירים.

און די זעלבע זאך דו יוסף זונדל, קוק דיר אן, וויפיל פון דיינע חברים זענען ליידער נישט זוכה צו לערנען וויפיל דו לערנסט?! צו טון אזויפיל מצוות וואס דו טוסט?! דו האסט די זכיה אריינצוכאפן אזויפיל נקודות טובות, אשריך! אוודאי דארף מען האבן רצונות צו שטייגן העכער, אבער מיט וואס מען כאפט שוין יא אריין דארף מען זיך פרייען ווי דער גרעסטער עושר. ווייל אויך אין רוחניות קומט זיך אונז גארנישט, אלעס וואס מיר זענען זוכה אריינצוכאפן איז נאר א מתנת חנם פונעם אויבערשטן.

און יעצט שטימט שוין זייער גוט דעם סדר פונעם 'סדר נאכט' – איז דוד וועלכע האט שוין עספיעט אריינצובליקן אינעם אפענעם ליקוטי הלכות מסביר:

דווקא נאך דעם וואס איך זאג 'הא לחמא עניא', איך פארשטיי אז איך בין ארעם און גארנישט קומט זיך מיר נישט לויט מיינע טאַטן, קען איך זאגן 'כל דכפין ייתי ויכול' ווייל איך בין סיי אן עושר מיט דעם וואס איך בין א שמח בחלקי, און סיי דורך דעם בין איך באמת זוכה צו ממשיך זיין אויף מיר אן עשירות גדול.

און דעריבער עסן מיר מצה און מרור וואס דערמאנט די ביטערקייט און ארעמקייט, און אין די זעלבע צייט עסן מיר אנגעלאנט, און מיר טינקען איין ווי בני חורין, צו געדענקען בשעת די רייכטום און פרייהייט דעם ארעמקייט און ביטערניש, און אזוי ארום קענען שטענדיג זיין פרייליך און צופרידן...

פונעם עק טיש האט זיך פנחס צוזינגען: "קרב קרב יום, אשר הוא לא יום... אריינשלעפענדיג דעם גאנצן עולם און א פרייליכן ערב פסח טאנץ.

**פייערליכע טענץ אויפן 'הר ארבל' אינמיטן א שטורעמישע רעגנדיגע נאכט**

# קרבנו המקום לעבודתו

**הר"ר אברהם שמחה האלד שליט"א פון קרית יואל וויקלט אויף זיינע איבערלעבענישן** ווי אזוי ער איז אנגעקומען צו לעבן א חיים טובים מיט א נאנטקייט צום אויבערשטן, **מיט די ליכטיגקייט פונעם הייליגן רבי'ן.**

## עבודות און שאיפות אין די קינדער יארן

איך בין אויפגעוואקסן אינעם עיר ואם בישראל וויליאמסבורג צו א היימישע סאטמאר'ע משפחה. פון יונגווייז אן פלעג איך ליינען פול סיפורי צדיקים איבער די גרויסקייט און הייליגקייט פון די פריערדיגע צדיקים און דאס האט אנגעצינדן אין מיר גאר גרויסע שאיפות. איך האב געגלוסט און אויסגעקוקט אויך אויסצוזעהן אזוי ווי זיי, תמימות'דיגערהייט האב איך געטראכט 'אויב זיי האבן געקענט דערגרייכט אזעלכע מדריגות, למה נגרע? פארוואס זאל איך נישט קענען, איך האב פרובירט נאכצומאכן זייערע עבודות ווילענדיג גרייכן דעם געפאדערטן שלימות.

איך געדענק ווען איך בין געווען קליין - בערך אכט יאר אלט פלעג איך אויפשטיין פיר אזייגער פארטאגס און מיין טאטע פלעגט מיר צוריק אריינשיקן אין בעט... א געוויסע תקופה פלעג איך שטארק זאלצן מיינע עסן כדי איך זאל נישט פילן קיין טעם אין דעם, און א צווייטע תקופה האב איך זיך פארגענומען א תענית דיבור. איך פלעג לייגן ארום מיין בעט צעטלעך וואס איז געשטאנען אויף דעם 'יתגבר כארי לעבודת הבורא' און 'שויתי השם לנגדי תמיד' און אזוי ווייטער. איך האב געריסן פון זיך און געטון אלע מיני פעולות אז איך זאל אויך זוכה זיין זיך צו דערקלעטערן צום שפיץ, בארג אזוי ווי די אלע צדיקים וואס איך האב געהערט און געליינט אויף זיי.

דאס אלס איז געווען נאך אלץ קינד בעפאר די בר מצוה, נאך די בר מצוה באקומענדיג דעם זיסן עול התורה והמצוות איז מיין גלוסטעניש פילפאכיג פארשטערקערט געווארן. איך האב געארבעט אויף זיך צו אינזין האבן ביים דאווענען מיט אלע כוחות און נישט מסיח דעת זיין פון די תפילין קיין איין רגע, איך האב געלערנט ברציפות גאנצעטע סדרים, אויף אזוי ווייט אז אין שיעור ג' ישיבה קטנה האב איך געמאכט א סיום אויף גאנץ סדר מועד...

הכלל איך האב געהאט גאר א שטארקע התעוררות צו דינען דעם אויבערשטן, אבער היות די ריכטיגע התחזקות צו גיין ווייטער האב איך נישט פארמאגט בין איך פיל מאל געפאלן. א שווערע ווייטאג האט מיר ארומגענומען "פארוואס האבן נאר די גרויסע צדיקים באוויזן צו דינעם דעם אויבערשטן מיט אזא שלימות און איך נישט... אויך איך וויל און בענק זוכה צו זיין צו דעם..."

דער אמת איז אז אלס איז געווען מיט א מטרה צו אנקומען צום ציל ווי שנעלער אן די ריכטיגע כלים דערצו. אזוי ווי די וועלט זאגט אז היינט קען מען אלעס טון שנעל; מען קען פארן צום אנדערן עק וועלט אין איינצלנע שעות, רעדן מיט א חבר אויפן מינוט פון די ווייטסטע פלעצער - נישט אזוי ווי אמאל וואס מען האט זיך געדארפט שיקן בריוון וואס האט גענומען לאנגע וואכן, אזוי אויך וויל מען היינט ארויפפליען צו די העכסטע מדריגות 'גלייך' און דערקעגן איז מען זיך 'גלייך' מייאש...

עס איז אנגעקומען צו א מצב וואס יעדן טאג איז געווען א פרישע מעשה, איך בין געשטאנעןביים ספרים שאנק ווען פאר מיר ליגט אויסגעשורה'עט פילע ספרי מוסר וחסידות, איך האב געקוקט אויף זיי מיט דארשט גלוסטעניש ווילענדיג אנהייבן איינע פון זיי, אבער איך האב נישט געוואוסט פון וועלכע און פון וואו אנצוהייבן. צומאל האב איך פרובירט דעם ספר און צומאל די, אמאל האב איך זיך מקשר געווען צו דעם צדיק און א צווייטע מאל צו דעם צדיק, צומאל האב איך געטון אין לומדות און צומאל מער אין חסידות...

איך האב געזוכט דעם גליק און סיפוק פון יעדן מעגליכן ווינקל און ריכטונג, ביז יעדער האט שוין געוואוסט אז "אברהם שמחה" האט שוין אנגעהויבן נאך עפעס, און סוף טאג וועט ער שוין האלטן נאכדעם... איך האב געהאט פון דעם שווערע בזיונות. עס ליגט מיר נאך אין די ביינער אז איינמאל האב איך באוויזן אנצוהאלטן א 'לאנגע' צייט – גאנצע דריי וואכן! דאס איז שוין געווען אויסערגעוועגדליך. פארשטענדליך אז דערנאך בין איך פון דעם אראפגעפאלן, און ביז היינט שפיר איך נאך די בזיונות וואס איך האב דעמאלטס געהאט פון דעם...

נאך די אלע עליות און ירידות האב איך דערגרייכט צו א מצב וואס איך האב געשפירט ווי דער אויבערשטער שטופט מיר אוועק און וויל נישט מיין עבודה, איך האב דאך שוין אזויפיל מאל פרובירט און שטענדיג בין איך אראפגעפאלן און נישט באוויזן זיך צו האלטן. זייענדיג אין א מצב פון א 'ירידה' האב איך זיך געטרייסט אז כביכול אין הקב"ה בא בטרוניא מיט מיר, ווייל איך האב דאך שוין געטון אלס וואס איך האב געקענט צו שטייגן, און איך בין נישט שולדיג אין דעם...

## היתכן ירידות און עליות אין עבודת השם?

אין איינע פון די טעג לערנענדיג אין **ישיבה קטנה שער אפרים** אין מאנסי אינעם יארגאנג פון שיעור ג', בין איך אריין אינעם היכל התורה פון **בהמ"ד הגדול סאטמאר מאנסי** און אנגעטראפן דארטן דעם ספר 'שבחי הר"ן'. אלץ איינער וואס האט זיך שטארק אינטערעסירט אין די תולדות פון פריערדיגע צדיקים האב איך זיך געזעצט מיט א קאווע פארן דאווענען און אנגעהויבן אריינקוקן דערין, און פלוצלינג שטויס איך זיך אן אין א ווילד פרעמדע זאך וואס איך האב קיינמאל נישט געהערט דערפון; עס ווערט דארט ארומגערעדט די זאך פון ירידה תכלית העליה און אז דאס איז די וועג אין עבודת השם אז א מענטש פאלט כסדר אראפ און הייבט זיך פונדאסניי אויף.

איך בין געווען אין שאק איך האב קיינמאל נישט געהערט אזא זאך אז ירידות איז א חלק פון עבודת השם. אלעמאל האב איך געוואוסט אז אן עובד השם איז איינער וואס דינט דעם אויבערשטן שטענדיג בעליה אן אראפפאלן! אויפן פלאץ האב איך אבער אפגעמאכט אז דאס איז טאקע דעם פראבלעם פון ברסלב אז זיי האלטן אז א ירידה איז א חלק פון די עבודת השם ווי איז געהערט געווארן אזאנס?...

כאטש די זאך ווערט אויסגעשמועסט אין פיל ספרי חסידות, אבער דער הייליגע רבי רעדט נישט נאר צום מח פון א מענטש אז א מענטש זאל וויסן אז עס איז דא אזא זאך, די דיבורים פון הייליגן רבי'ן דרינגען אריין גלייך אין די טיפעניש פון הארץ. דעריבער אפילו איך האב שוין געזען די מושג אין אנדערע ספרי חסידות איז מיר עס קיינמאל נישט אריין אין הארץ.

דאס איז אויך די סיבה פון די שטארקע התנגדות אויף ברסלב ווייל די דיבורים פון הייליגן רבי'ן אדער נעמט מען עס אן און אז נישט מוז מען זיך באשיצן קעגן דעם, מען קען עס נישט לאזן סתם שטיין אינעם ספר ווייל עס פאדערט דאך, דעריבער זעענדיג די ווערטער פון שבחי הר"ן האב איך עס גלייך אפגעשלאגן ווייל עס מיר אריין אין הארץ...

## זוכענדיג ביי די לעבעדיגע צדיקים

מיט דעם אלעם האב איך נישט געהאט קיין מנוחה, איך האב דאך יא געוואלט אז עס זאל עפעס אויסוואקסן פון מיר... האב איך אנגעהויבן זוכן צדיקים וואס וועלן מיר קענען העלפן אריינגיין אין די טויערן פון עבודת השם. איך האב זיך נישט געלאזט נארן אז יעדן בנש"ק איז א קדוש וטהור נאר צוליב וואס ער איז אן אייניקל פון גרויסע און הייליגע צדיקים, איך האב דווקא געזוכט אזא ערליכע איד וואס אפילו איך וואלט אים געזען סתם אין בית מדרש וואלט איך געזען אויף אים זיין צדקות און פרישות.

אינאנהייב האב איך זיך פיל געדרייט ביי **הרה"צ רבי מרדכי שטיינער שליט"א** פון מאנסי, מגדולי התלמידים פון **הרה"ק מסאטמאר זי"ע**, ער איז אן עובד השם מופלג פון די יחידי סגולה אין אונזער דור בפרט מיט זיין עבודה ביים דאווענען, איך בין געווען ביי אים פיל מאל ביי שלש סעודות בעת רעוא דרעוין, עס איז געווען דארט זייער א דערהויבענע מצב, און ער פלעגט פארגיסן טייכן טרערן אויף די פירצות הדור און די טמא'נע כלים.

איך האב געכאפט גרויס התפעלות זעענדיג ווי נאך די גאנצע עבודה ביי שלש סעודות פלעגט ער דאווענען מעריב מיט א ברען און זאגן מיט א מתינות די ווערטער "הוא יפתח לבנו בתורתו וישם בלבנו אהבתו ויראתו". אבער למעשה האב איך זיך ארומדערזעהן אז איך בין גאר ווייט פון זיין עבודה און איך טרעף ווייטער נישט דעם וועג צו אנקומען צו זיין מדריגה.

# אין שאטן פון צדיקי הדור אין ארץ הקודש

אזוי בין איך אריבער די ישיבה קטנה יארן און איך בין ארויף אין ישיבה גדולה, אין שיעור ב׳ האב איך מחליט געווען צו פארן לערנען קיין ארץ הקודש, ווען איינע פון די עיקר סיבות דערצו איז געווען צו זוכן דארט אין ארץ ישראל א צדיק וואס איך זאל מיר קענען ווייקן ביי אים און באקומען א וועג אין עבודה צו משלים זיין מיין זעהל.

גלייך נאך מיין אנגעקומען קיין ארץ ישראל האב איך זיך געוואנדן צום געגנט בית וגן אין ירושלים עיה״ק צום שטוב פון **כ״ק אדמו״ר מאמשינוב שליט״א**, וואס זיין גרויסע הייליגקייט און עבודות איז באקאנט אין די גאנצע וועלט. שוין א שטיק צייט פארדעם האב פיל געליינט און געלערנט איבער צדיקי בית אמשינוב א שטייגער ווי הרה״ק ר׳ ישראל יצחק מווארקא; הרה״ק ר׳ יעקב דוד מאמשינוב; הרה״ק ר׳ מנחם מאמשינוב און אלע צדיקים פון דעם גזע קודש זכותם יגן עלינו.

איך האב זיך נאכגעפרעגט ביי דורכגייער און מען האט מיר צוגעוויזן דעם וועג צו ביתו נאווה קודש ווען זיי לייגן צו אז מען קען נישט אריינגיין צום רבי׳ן אן באשטעלן א רייע פון פאראויס. אבער איך בין ארויף און אנגעקלאפט אויפן טיר פון זיין שטוב, די שטוב מענטשן וועלכע האבן געעפנט דעם טיר האבן מיר ערקלערט אז כדי אריינצוגיין אל הקודש פנימה דארף מען פארדעם אפשרייבן די בקשה מיט א טעלעפאן נומער און זיין גרייט פיר און צוואנציג שעה אין טאג צו באקומען א רוף אז מען קען יעצט קומען, א זאך וואס קען געדויערן גאר א לאנגע צייט.

איך בין געבליבן שטיין אינדרויסן און אויסגעפלאצט אין א ביטערליך געוויין, וועגן דעם בין איך געקומען ביז דא? איך האב דאך אזוי געהאפט אז פון דא וועט קומען מיין ישועה... איך בין אוועק פון דארט בפחי נפש ממש...

איך האב זיך אבער נישט מייאש געווען, איך בין געגאנגען צוזען זיינע הייליגע עבודות ביי די טישן אין פארשידענע געלעגנהייטן, איך האב מיר געשטופט מיט אלע כוחות פראוועוענדיג צו הערן קולו בקודש בשעת ער האט געזאגט תורה, איך האב געוואלט מקבל זיין פון אים וועגן צו לעבן צו בארואיגן מיין נפש וואס דארשט צום אויבערשטן און זיין דינסט.

נאך א געוויסע תקופה בין איך זיך געגאנגען ווייקן ביי **אדמו״י בית לעלוב**, איך האב געלערנט און געליינט איבער די מעשים און תולדות פון די צדיקים לבית לעלוב, איך האב פיל געליינט אויף הרה״ק רבי משה מרדכי זי״ע, און זיך אנגעהויבן דרייען ביי זיינע הייליגע קינדער **כ״ק אדמו״ר מהרי״ד מלעלוב שליט״א, וכ״ק אדמו״ר מלעלוב-ניקלשבורג שליט״א**, איך בין געגאנגען צו זייערע טישן, און אפילו געווארט לאנגע שעות ביז האדמו״ר מניקלשבורג שליט״א איז אריינגעקומען צום טיש ליל שבת אין די פארטאגס שעות. מוצש״ק פלעג איך אפשרייבן די שיחות און דיבורים וואס איך האב זוכה געווען צו הערן פון זיי, איך בין אפילו געווען עדות צו א געוויסע עפיזאד פון רוח הקודש שהופיע בבית מדרשם.

אבער כאטשיג בשעת מעשה וואס איך האב זיך מסתופף געווען אין זייער הייליגע שאטן האב איך געשפירט א התרוממת הנפש און מורא׳דיג דערהויבנקייט, דאך במשך די פשוט׳ע וואכן טעג האב איך נישט געשפירט קיין שום השפעה פון דעם אויף מיין מהלך החיים. איך בין געבליבן דארט ווי איך בין געווען פארדעם אן קיין שום ענדערונג, נאכאלץ האב איך נישט געטראפן קיין וועג פאר מיין דארשטיגן נפש, אדרבה, ווי מער איך האב פרובירט זיך צו ווייקן ביי דערהויבענע ערליכע אידן און צוזען זייערע הייליגע עבודות, האב איך מער געשפירט ווי ווייט איך בין באמת פון דעם און אז איך קען נישט דערגרייכן און אנקומען צו זייערע מדריגות.

אין קורצן, איך בין געגאנגען דעמאלטס צו יעדן רבי וואס איך האב נאר געקענט טראכטן אז ביי אים וועל איך טרעפן וואס איך זוך, איך האב אפילו פרובירט זיך צו פארטיפן און לערנען ספרי חב״ד, איך האב דורכגעלערנט א גרויס חלק פון ספה״ק ׳דרך מצוותיך׳ פונעם הייליגן צמח צדק זי״ע, איך האב מיר באלעקט מיט זייערע ווערטער אבער איך האב נישט געשפירט קיין שיכות צו מיר לעובדא ולמעשה אינעם טאג טעגליכן לעבן.

# א דרך עבודה פון יראת העונש און דקדוק בהלכה

עס איז געווען א תקופה וואס דאן האב איך געלעבט מיט יראת העונש אויף א שרעקליכן פארנעם, איך האב געלערנט **ספה״ק שבט מוסר** און פון פיל מיטלעבן זיינע ווערטער אויפן דין וחשבון וואס מען גייט אפגעבן אויף יעדן מחשבה דיבור און מעשה וואס איז נישט ווי עס דארף צו זיין און אויף די גיהנום און ביטערע עונשים וואס מען באקומט פארן נישט פאלגן דעם אויבערשטן - האב איך זיך כמעט געוואלט אראפווארפן פון דאך... איך וויל דאך אזוי שטארק טון דעם אויבערשטנ׳ס רצון בשלימות, איך בין פשוט נישט מצליח אויף קיין שום וועג... אזוי ארום האב איך זיך געטראפן אינגאנצן מיואש...

ווייטער האב געהאט א לאנגע תקופה וואס איך בין געווען א ׳מדקדק בהלכה׳ מיט אלע כוחות, צום ביישפיל איך פלעג האבן ממש נערוועז ביים זאגן תהילים ארויסצוזאגן יעדן ווארט קלאר און דייטליך, היינט ווערט עס אנגערופן DCOאבער דער הייליגע רבי רופט עס אן ׳חומרות יתירות׳, די פסיכילאגן וועלכע זענען ווייט פונעם אמת קליידן עס אן כאילו עס בלויז א גשמיות׳דיגע פראבלעם, אבער בעצם קומט עס פון יראת שמים, א מענטש זוכט שלימות פאר זיין נפש און זיין נצחיות׳דיגן תכלית, ער פארמאגט פשוט נישט די כלים עס צו באקומען ריכטיג צוביסלעך אין א מאס, איך פלעג איבער׳חזר׳ן די ווערטער פון דאווענען אן א שיעור מאל ביז איך האב שוין כמעט טאקע אראפ פון זינען...

אין ליכט פון אלעם וואס איך האב פארציילט אז איך האב נישט פארמאגט קיין דרך הממוצע צו לערנען און דאווענען אזוי ווי א נארמאלן מענטש, נאר איך האב געוואלט גרייכן שלימות און אנקומען צו די מדריגה פון א צדיק וקדוש, האב איך נאך עטליכע יאר זיך געטראפן ווי א פארוואגלטע נשמה וואס הענגט צווישן הימל און ערד נישט פארמאגענדיג קיין אנונג צו וואו און וואס זיין פנים איז געוואנדן...

# זיך פרייען און האבן חיות פון צוברעכן מניעות

אין יענעם לאנגן תקופה תוך כדי די ענלאזע זוכענישן פלעג איך גאר אסאך ארומפארן צו די קברי הקדמונים קדושים אשר בארץ הקודש המה, די קברי תנאים ואמוראים ראשונים און אחרונים. איך האב געהאט פאר מיר א ציל אנצוקומען צו יעדן קבר פון א צדיק און ארה״ק, איך האב געהאט א ביכעלע און איך פלעג מאכן א □ אויף יעדע ציון פון א צדיק וואס איך האב שוין פוקד געווען, למעשה בין איך צום סוף אנגעקומען צו ארום 031 קברי צדיקים אין ארץ הקודש!

אמאל בין איך געפארן אויף קברי צדיקים מיט א חבר פון ישיבה, ר׳ נחמי׳ בירענהאק הי״ו, וועלכער איז שוין דאן געווען מקורב צו ברסלב, איך האב דאן זייער געוואלט אנקומען צום בארג ׳ארבל׳ וואס געפונט זיך אין ׳גליל׳, וועלכע דער הייליגע רמב״ן זאגט עדות אז דארט איז באערדיגט דינה בת יעקב, און עס איז פארהאן פריערדיגע מקורות אז דארט ליגן אויך דריי פון די שבטי קה ראובן שמעון און לוי, און שוין א לאנגע צייט וואס איך האב זייער געוואלט אנקומען דארט.

מיר האבן זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג פארנאכטס, און אנקומענדיג אין גליל האט זיך פלוצלינג אראפגעלאזט א גאס רעגן, און דא רעדט זיך עס פון פלעצער וואו עס איז אוממעגליך צו גיין ווען רעגנט צוליב וואס די גאנצע ערד ווערט פארוואנדלט אין איין שטיק בלאטע.

צום ערשט זענען מיר געגאנגען צום ציון פון ר׳ מאיר בעל הנס אין טברי׳, און דערנאך האבן מיר זיך געוואנדן צום ריכטונג פונעם ציון פון רב כהנה און רב אמי [אדער רב אסי - עס איז א מחלוקת ווער עס ליגט דארט] דארטן האט מען געדארפט גיין אביסל צופיס, און איך האב גע׳טענה׳ט אז עס איז נישט מעגליך אהינצוגיין אין אזא מצב און זיך טונקען אין די בלאטע, אבער מיין חבר האט גע׳טעהנ׳ט אז פונקט פארקערט ״מען דארף צוברעכן די מניעות און יא גיין!״ איך האב געקוקט אויף אים ווי איינער וואס איז אראפגעפאלן פון די לבנה, וואס איז דאס צוברעכן מניעות? עס איז דאך דא פיל קברי צדיקים וואס עפעס דארף מען יעצט גיין פונקט דארט?

אבער ער האט זיך געהאלטן ביי זיינס: ״ניין דא איז דא מניעות און דאס ווייזט אז מען דארף עס צוברעכן און גיין דווקא פון דא! איך האב זיך אונטערגעגעבן מיר זענען ארויס פון די קאר און אנגעהויבן גיין, גלייך זענען מיינע שיך באהאפטן געווארן צו די בלאטע און כמעט וואס איך האב מיר נישט געקענט רירן ווייטער... איך האב זיך געבעטן ביי אים לאמיר צוריקגיין אבער ער האט זיך גע׳עקש׳נט אז מיר דארפן צוברעכן די מניעות עס גייט אים גארנישט אן.

נאך א שווערע אויסמוטשנדע מהלך זענען מיר אנגעקומען, און מיין חבר איז געווען מלא שמחה אז ער האט ׳צובראכן די מניעות׳, מיר האבן אנגעהויבן טאנצן מיט שמחה די ניגוני ברסלב ׳מצוה גדולה להיות בשמחה תמיד׳ און ׳רבינו שאג בקול גדול אין שום יאוש בעולם כלל׳ און אזוי ווייטער. דאן האב איך מיר געזאגט צו זיך **׳עפעס איז דא דא! דער בחור פארמאגט עפעס! עפעס האט ער וואס איך האב נישט...׳**

מיר האבן פארגעזעצט די נסיעה צום הר ארבל אזוי ווי געפלאנט, האפענדיג צום אויבערשטן אז די רעגן וועט זיך אפשטעלן ביז מיר וועלן אנקומען דארט, מיר האבן מתפלל געווען און פארשטייט זיך אז ער האט מתפלל געווען ווי א ברסלב׳ער מיט א געפיל אז דער אויבערשטער הערט יעדעס ווארט וואס ער זאגט ארויס פון מויל כדבר איש אל רעהו, און דער אויבערשטער וועט זיכער אננעמען אונזער געבעט. דעמאלטס האב איך געזען ווי ביי א

ברסלב׳ער חסיד קומען זיך צוזאםביידע פארקערטע זאכן אויפאיינמאל; פון איין זייט די רואיגקייט און צופרידנקייט זיך צו פארלאזן אינגאנצן אויפן אויבערשטן, און פון די צווייטע זייט די כיסופין און בענקשאפט צו כאפן שטענדיג די גוט׳ס אין יעדן מצב...

און טאקע ווי נאר מיר זענען אנגעקומען דארט האט זיך אויפגעהערט די רעגן, מיר זענען געווען מלא שמחה אז נאך אזעלכע מוטשעניש זענען מיר אנגעקומען און זיך ווידעראמאל ארויסגעלאזט אין פייערדיגע טענץ אז מיר האבן זוכה געווען צו דעם.

אויפן וועג צוריק האב איך געטראכט צו מיר: איך האב דאך יעצט געזען עפעס ביי מיין חבר וואס איך האב ביז היינט נישט בייגעוואוינט; די חיות און שמחה צו צוברעכן מניעות און בייקומען שוועריגקייטן און די גאנצע וועג ווי אזוי דאס איז צוגעגאנגען, איך מוז אויסטשעקן וואס איז דאס ״ברסלב״... ביז אהער האב איך אנגעקוקט די ברסלב׳ערס ווי אפאר ליידיג-גייערס און משוגעים, אבער דא האב איך פלוצלינג באגעגנט א נארמאלע באזעצענע מענטש וואס שעפט חיות און לעבהאפט פון ״ברסלב״...

## דעם לעצטן פרואוו צו טרעפן א וועג און היילונג פאר מיין נפש

איך האב דאן געהאט אזא סארט הרגשה אז דאס איז מיין לעצטע געלעגנהייט צו פרובירן זוכן א היילונג פאר מיין נפש. איך האב זיך געבעטן ביים אויבערשטן ער זאל מיר העלפן וויסן דעם אמת אויב דאס איז וואס קען מיר טאקע אויפלעבן, ווייל אויב יעצט וועל איך אויך נישט טרעפן דאס וואס איך זוך לאז איך אינגאנצן אפ די חיפוש און ביקוש. איך בין מודה על האמת אז איך האב נישט געלייגט צופיל האפענונג אז דאס איז טאקע די פלאץ וואס איך זוך שוין אזויפיל יאר.

די חסדים פונעם אויבערשטן האבן זיך געשטארקט אויף מיר און בהשגחה פרטיות האב געטראפן דעם ספה״ק שיחות הר״ן, איך האב ארייגעבליקט דערין און פארכאפט געווארן... איך האב געזען דארט ווערטער וואס איך האב אין מיין לעבן נישט געהערט. איך האב אבער זייער געציטערט אז מען זאל מיר ח״ו נישט ׳כאפן׳ לערנען ברסלב׳ע ספרים, דעריבער בין איך שטילערהייט געגאנגען צו א קליינעם ברסלב׳ן בהמ״ד אין ירושלים וואס עס קומען דארט כמעט נישט אריין קיין מענטשן, און דארטן עוסק געווען אין ספרי ברסלב.

## מצאתי את שאהבה נפשי

מה אומר ומה אדבר וואס זאל איך זאגן, איך האב דאן געשפירט א דערהויבענע געפיל אז אט איך האב געטראפן את שאהבה נפשי! דאס האב איך געזוכט אלע יארן! פון יענעם טאג האב איך געזיצן דארטן שעות על גבי שעות און געלערנט ספרי רבינו, ליקוטי מוהר״ן; שיחת הר״ן; ליקוטי הלכות; און כאטש איך האב עס נישט אינגאנצן פארשטאנען אבער איך האב געשפירט אין די דיבורים א וואונדערליכע אור און אן אויסגעטרעטענעם וועג! בפרט אין ספה״ק שיחות הר״ן וואס איך האב עס איבערגעלערנט פיל מאל און דאס איז ממש געווען מיין רבי מיר צו לערנען דעם וועג פון לעבן און עבודת השם.

פארשטענדליך אז איך האב דאס נישט געקענט מיטטיילן מיט קיין שום מענטש, איך האב זייער געציטערט ווי אזוי מיינע עלטערן וועלן רעאגירן אויף דעם. למעשה בין איך א דריי פערטל יאר געגאנגען מיט דעם אליין, סיי צוליב די פחד און אויך צוליב וואס איך האב עס געוואלט אליין אויסטשעקן, זיך צו איבערצייגן צו איז טאקע דא פארהאן עפעס וואס איך קען נישט ערגעץ אנדערש באקומען...

אין יענע תקופה איז ארגענזירט געווארן דורך ׳חבורת אור הצדיק׳ – א קבוצה ברסלב׳ע בחורים פון חו״ל וועלכע האבן געלערנט אין ארה״ק – א שבת התאחדות, און איך בין אהין געגאנגען, דאן האב איך זיך צום ערשטן מאל געטראפן מיט אנ״ש חסידי ברסלב.

## צום ערשטן מאל ביים הייליגן רבי׳נס ציון

יזכר לטוב מיין טייערער חבר ר׳ נתנאל פיש הי״ו, וואס אין יענעם ווינטער זמן האט ער מיר גענומען זיך צו משטתח זיין ביים הייליג׳ן רבי׳נס ציון אין אומאן, שטילערהייט אן דעם וואס איינער חוץ אונז זאל וויסן דערפון. דאס איז געווען טראץ וואס איך האב דאן נאך געהאט פיל חכמות און נישט אלס געגלייבט, און דער גאנצער ענין פונעם תיקון וואס דער הייליגע רבי האט צוגעזאגט פאר די וואס קומען אויף זיין הייליגן ציון האט נישט געמאכט קיין סענס ביי מיר, איך האב געהאלטן אז א צדיק קען נאר מתקן זיין א איד דורכ׳ן אים געבן א וועג אין עבודת השם, איך האב נישט פארשטאנען דעם גאנצן ענין פון ׳כח הצדיק און תיקון נשמות׳.

און דער אמת איז אז ביים הייליגן רבי׳ן אז פארהאן ביידע זאכן אויפאיינמאל, פון איין זייט שיינט דער הייליגע רבי ארויין אז ער פארמאגט דעם גרויסן כח צו פארעכטן יעדן איד אין יעדן מצב, און פון די צווייטע זייט גיבט ער אונז שטענדיג נאך און נאך עבודות, א ברסלב׳ע חסיד ברענט שטענדיג מיט א פלאם פייער פון עבודה, און וויל שטענדיג ארויפגיין נאך מדריגות אין עבודת השם.

דעמאלטס אבער האב איך נאר פארשטאנען דעם שכל׳דיגן חלק און נישט פארמאגט די ריכטיגע אמונת חכמים, דאך בין איך ב״ה געפארן צוליב וואס ר׳ נתנאל האט מיר געשטופט צו דעם.

## ארייגייענדיג אין די טויערן פון ׳התבודדת׳

אין יענעם תקופה האב איך באגעגנט מיין ידיד **הר״ר שמעון הלל פרנס שליט״א**, וועלכער איז דאן געווען א בחור, און שוין געווען מקורב צו ברסלב, און מיר האבן אינאיינעם אנגעהויבן ארויסצוגיין התבודדת, און ארומגערעדט צווישן זיך געדאנקען אין עבודת השם, און אזוי האב איך אנגעהויבן אריינצוגיין טיפער אינעם הייליגן רבי׳נס זאך.

איך געדענק אז פארדעם וויבאלד עס האט מיר נאך געפעלט די חלק האמונה, פלעג איך נישט מקיים זיין די עצה פון התבודדת, ווייל התבודדת איז דאך תפילה, און תפילה גייט צוזאמען מיט אמונה, און ליידער האב איך זיך נאך דאן געציילט צווישן די ״בני אדם שמזלזלין בהם״ איך האב דאן נאכנישט זוכה געווען צו די אור וואס דער הייליגע רבי לערנט אונז אז תפילה איז די ליכטיגסטע זאך אין די וועלט מער פון אלע חכמות.

דאס וואס האט מיר ליכטיג געמאכט די אויגן איז געווען א פרעזענדליכע שמועס מיט **הרה״ח ר׳ יום טוב חשין שליט״א**, איך האב געשמועסט מיט אים א לענגערע צייט זיך אויסרעדענדיג מיין גאנצן הארץ און איך האב פארציילט פאר אים אלעס וואס טוט זיך איבער מיט מיר. אנשטאט אן ענטפער האט מיר ר׳ יו״ט אנגעקוקט און געזאגט: ״הער מיר גוט צו, גיי ארויס אין פעלד און טראכט אז דער אויבערשטער שטייט פאר דיר און הערט דיר אויס, און אלעס וואס דו האסט מיר יעצט פארציילט – פונקט די ווערטער – פארצייל פאר אים אזוי ווי דו האסט יעצט גערעדט צו מיר! איך קען בלויז הערן און שאקלען מיט די קאפ, אבער איך קען דיר נישט באמת העלפן, אבער דער אויבערשטער – ער און נאר ער קען דיר גענצליך העלפן! נאך מער פון דעם, מאל זיך אויס פאר דיר, ווי דער אויבערשטער שטייט פאר דיר און הערט אויס דיין געבעט און שאקלט מיטן קאפ. ווען דו שפאצירסט אין פעלד אהער און אהין שטעל דיר פאר ווי כביכול דער אויבערשטער שפאצירט מיט מיט דיר, אדער ווען דו זיצט, טראכט אז דער אויבערשטער זיצט קעגן דיר און הערט דיר אויס.

## אויך א ברסלבער בחור קען טרעפן א שידוך!

שוין פון א האלב יאר פאר ראש השנה האב איך אנגעהויבן דאווענען יעדן טאג אז איך זאל זוכה זיין אנצוקומען קיין אומאן אויף ראש השנה, אזוי אויך פלעג איך יעדן טאג בעטן אז איך זאל טרעפן מיין באשערטע זיווג און די שידוך זאל זיין א ברסלב׳ע שידוך, ווייל מיינע עלטערן האבן דאך נישט געהאט קיין אנונג אז איך האב עפעס מיט ברסלב.

ווי וואונדערליך זענען די וועגן פונעם אויבערשטן וואס ער האט צוגעפירט אז א געוויסע שדכן איז צוגעקומען צו מיין טאטע און אים אנגעטראגן פאר מיר א ברסלב׳ע שידון היות אז ער האט געהערט אז איך בין געווארן א ברסלב׳ער. ווען מיין מאמע האט דאס געהערט האט זי מיר גלייך אנגעקאלט, בהשגחה פרטיות בין איך דאן געווען ביים ציון פון רחל אמינו, און אלס איז ב״ה אריבער גרינגערהייט, ווייל דער עיקר זאך וואס וואלט געשטערט פאר מיינע עלטערן איז געווען וואס וועט זיין מיט א שידוך, ווער וויל דען נעמען א ברסלב׳ער בחור? אבער אזוי האט דער רבוש״ע צוגעפירט אז ביידע האבן אויסגעפלאצט אויפאיינמאל...

למעשה בין איך טאקע א חתן געווארן בשעטו״מ סוף חודש אב, און פארשטענדליך אז איך האב געקענט פארן אויף אומאן ראש השנה רואיגערהייט אן קיין שום מניעות, און נישט נאר דאס נאר מיין מחותן האט מיר אויסגעצאלט די גאנצע הוצאות הדרך פון אנהייבן ביזן סוף.

דעמאלטס האב איך געזען קלאר אז דורך תפילה קען מען אלעס פועל׳ן! ווייל אויף די צוויי זאכן האב איך געמאכט התבודדת מיט א גענצליכע ביטול, איך האב געוואוסט אז איך קען גארנישט טון דערצו און איך האב זיך פארלאזט נאר אויף די רחמנות און חסדים פונעם אויבערשטן, און טאקע דער אויבערשטער האט צוגעהערט מיין געבעט און מיר אזוי וואונדערליך געהאלפן. און אזוי האב איך ב״ה זוכה געווען אויפצושטעלן אן אידישע שטוב.

פארזעצונג אין עמוד 7



# להחיות עם רב

תשועה ברוב יועץ
בדרך שאלה ותשובה

הרה״ח ר׳ שאול סירוטה שליט״א

## שאלה:

**שאלה: די הייליגע סדר נאכט איז דאך באקאנט אלץ די צייט פון ׳והגדת לבנך׳, דאס איז א געלעגנהייט איינצוווארצלען אמונה אין אונזערע קינדער. אבער איך בין אביסל צומישט, ווי אזוי ברענג איך אריין אין זיי אמונה? איך דארף זיך צוגרייטן גאנצעטע תורות און רמזים, אדער סתם פארציילן די סיפור פון יציאת מצרים?**

## תשובה:

## פארדעם זענען מיר באשאפן געווארן

בעפאר מיר גייען צו צו ענפערן די שאלה ווי אזוי צו איבערגעבן די אמונה לאמיר א מינוט זען די גרויסקייט און וויכטיגקייט פון דעם. דער הייליגער רבי נתן דרוקט זיך אויס: (השכמת הבוקר ה-י) ״צוליב דעם איז א מענטש באשאפן געווארן, און דאס איז דער עיקר מצווה וואס מיר זענען באפוילן געווארן איבערצולאזן קינדער, נאר צוליב די אמונה וואס ווערט איבערגעגעבן פון דור צו דור, אזוי ווי עס שטייט ׳לדור ודור אמונתך׳״.

די הייליגע אמונה איז די יסוד און די תכלית פון אונזער עקזיסטענץ אויף דער וועלט, אזוי ווי ר׳ נתן שרייבט אין א צווייטע פלאץ: (בלקוטי הלכות, פסח ז-א) **״דאס איז די עיקר עבודה פון א מענטש זיין גאנץ לעבן און צוליב דעם איז א מענטש געקומען אויף דעם וועלט כדי צו זוכה זיין צו אמונה, צו קענען דעם אויבערשטן, וואס דאס איז די תכלית פון אלע תכלית׳ן, און די גאנצע יציאת מצרים און אלע וואונדערליכע ניסים און וואונדער וואס דער אויבערשטער האט געטון מיט אונזערע עלטערן און מיט אונז פון יציאת מצרים ביז היינט אין יעדן דור, אלעס איז נאר צו אנטפלעקן זיין געטליכקייט צו וויסן און לאזן וויסן, און געווארן ווערן אז ער איז דער געוועלטיגער, ער איז דער באשעפער דער בורא ית׳ שמו ויתעלה, כדי אונז זאלן זוכה זיין צו די אמונה שלימה באמת״**

## פשוט פארציילן

און די פאסיגע צייט פארדעם – סיי בפשטות און סיי באופן סגולי – איז ביים ליל הסדר. חז״ל האבן אונז געלערנט צו שטארק זארגן מיט אלע כוחות אז די קינדער זאלן נישט איינשלאפן, נאר פרעגן זייערע שאלות ביים ליל הסדר. די קינדער זיי זענען דער עיקר פונעם ליל הסדר, און מיר פארמאגן דעם פליכט זיי זאלן עררייכן דעם ריכטיגן תשובה וואס ליגט אינעם סיפור פון יציאת מצרים וואס דאס איז דער יסוד צום לעבן פון א איד, מיר דארפן זארגן אז די ווייבע ביימעלעך זאלן גוט מקבל זיין דעם פשוט׳ן לימוד וואס מיר לערנען פון דעם סיפור.

צומאל פארגעסט מען דעם עיקר ציל פונעם פארציילן סיפור יציאת מצרים, עס איז דא אזעלכע וואס זענען מאריך מיט פשטים און תורות און רמזים, אדער אנדערע וואס לייגן אראפ די מעשה ציענד און שטעלן פאר אלע פאסירונגען וואס האבן זיך אפגעשפילט אין מצרים. **אבער באמת - מען דארף טאקע פארציילן דעם סיפור בפשטות, אבער דער עיקר איז צוצולייגן און באלייכטן אביסל פשוט׳ע התבוננות איבער די יסודי האמונה וואס מען לערנט ארויס פון דעם.** ווייל אנדעם קען גאר זיין אז דאס קינד וועט הערן א וואונדערליכע ערציילונג וואס וועט אים ברענגען א שטארקע הנאה, אבער זיין קאפ וועט ליגן אין די אויסערליכע איינצלהייטן וואס זיינע אויערן האבן אויפגעכאפט פונעם מעשה, און בפועל ברענגט עס אים נישט קיין שום תועלת אין אמונה.

די הייליגע תורה באפעלט אונז: ״ולמען תספר באזני בנך ובן בנך את אשר התעללתי במצרים ואת אותותי אשר שמתי בם וידעתם כי אני ה׳״, שטייט דא קלאר אז די גאנצע ציל פונעם פארציילן אז נאר אריינצוברענגען אין די קינדער דעם ידיעה אז עס איז דא א באשעפער, און אזוי ווי עס שטייט אין רבינו בחיי דארט: : ״וידעתם כי אני ה׳ - לשעה ולדורות, כי מתוך המוסר הזה שנתן הקב״ה במצרים יכירו ישראל לדורות וידעו שמו הגדול כו׳ כי מתוך מצרים נתפרסם אלהותו בעולם״.

## די בנין האמונה

עס איז באוואוסט די פלאקערדיגע יסודות׳דיגע דיבורים פון הייליגן רמב״ן סוף פרשת בא, איבער דעם וואס די תורה האט אונז באפוילן ביי אזויפיל מצוות צו געדענקען די ניסים פון יציאת מצרים, ווייל דאס זענען די ווארצלען פון די פשוט׳ע אמונה. דאן האט דער אויבערשטער אנטפלעקט זיין השגחה, און אז די וועלט האט ער באשאפן, און די נבואה איז פון הימל, און עס איז פארהאן שכר ועונש - ווייל פרעה וואס האט נישט געפאלגט דעם אויבערשטן איז געשלאגן געווארן און די אידן וועלכע האבן צוגעהערט דעם אויבערשטן זענען אויסגעלייזט געווארן, און אזוי איז אנטפלעקט געווארן אז ״די חסד פונעם אויבערשטן איז גרויס אויף די וואס טוען זיין רצון, מיט דעם וואס ער האט אונז ארויסגעצויגן מעבודת לחירות״.

און ער האט אונז געהייסן אז מיר זאלן שטענדיג מאכן א זכרון און א צייכן אויף דעם וואס אונזערע אויגן האבן געזען, און מיר זאלן איבערגעבן די זאך פאר אונזערע קינדער און אונזערע קינדער פאר זייערע קינדער, און זייערע קינדער פארן דור אחרון ״והחמיר מאד בענין הזה״. ענדיגט דער הייליגער רמב״ן צו: ״דורך די גרויסע באוואוסטע ניסים איז א מענטש מודה אין די באהאלטענע ניסים וואס דאס איז די יסוד פון די גאנצע תורה, א מענטש האט נישט קיין חלק אין תורה משה ביז ער גלייבט אז אלע אונזערע פאסירונגען אלס איז ניסים, נישטא קיין טבע! סיי ברבים און סיי ביחיד. נאר אויב ער וועט טון מצות השם - יצלחנה שכרו, און אויב וועט ער ח״ו עובר זיין - יכריתנו עונשו, הכל בגזירת עליון!״

מיט אזא קוק פון אמונה ווערט אויב אזוי נכלל אלע יסודות פון פשוט׳ע אמונה אינעם פשוט׳ן סיפור יציאת מצרים, ווי מיר האבן שוין אויבן דערמאנט די ווערטער פון הייליגן רבי נתן: ״**די עיקר יציאת מצרים און אלע אותות ומופתים וואס השי״ת האט געטון מיט אונזערע עלטערן אלעס איז כדי צו מפרסם זיין זיין געטליכקייט. צו וויסן און לאזן וויסן, און געווארן ווערן אז ער איז דער שליט, ער איז דער יוצר ער איז דער בורא ית׳ שמו ויתעלה כדי אונז זאלן זוכה זיין צו די אמונה שלימה באמת״**

אין דעם הייליגן נאכט די סדר נאכט, בויען מיר אויף און ווארצלען איין אין אונזערע הערצער און די הערצער פון אונזערע קינדער די פשוט׳ע יסודות פון אמונה, וואס אין דעם איז געוואנדן אלע יסודי הדת, יראה, אהבה, שמחה, און אונז גיבן דאס איבער צום קומענדיגן דור, און דאס דארף אונז געבן כח און שטארקייט און א מורא׳דיגע חיות זיך צו שטארקן אויסצובררייטערן בפשטות די יסודי האמונה אין דעם הייליגן נאכט וואס איז מסוגל פאר דעם, וואס יעדע דיבור פון אמונה ווערט איינגעקריצט אין זייער הארץ אויף א סגולת׳דיגע אופן.

## די פרטי יסודי האמונה

ווי פארשטענדליך אז מען דארף פארציילן און פארציילן און נאכאמאל פארציילן - פשוט אלעס וואס האט זיך אפגעשפילט אין מצרים, די ביטערע גלות און די וואונדערליכע גאולה, די מכות און אזוי ווייטער, דער עיקר איז אבער צוצולייגן בקיצור און מיט א נעימות דאס וואס מיר לערנען ארויס פון די דאזיגע געשיכטעס, און עס איז כדי צו ערוועקן דאס קינד אז ער זאל פרעגן שאלות, און מיר וועלן אים ענטפערן און ליכטיג מאכן זיינע אויגן אז מיר זען פון די מעשה אז:

א) **עס איז דא א מנהיג לבירה און א בעה״ב אויף די וועלט, ער טוט אלעס ווי אזוי ער וויל און גארנישט פירט זיך נישט מיט קיין טבע,** אלעס ווערט שטענדיג געפירט דורך אים און ער קוקט זיך אום אויף יעדע באשעפניש און יעדע טאט, און אזוי ווי מיר זעהן קלאר ביי די מכות אז ער פירט אלס, אין איין סקונדע קען ער איבער דרייען די וואסער צו בלוט און פרעש, די ערד צו לייז און אזוי ווייטער, ער האט אונז קלאר געוויזן אז עס איז נישט פארהאן קיין שום מציאות פון א טבע אויף די וועלט און זיין השגחה.

ב) מען קען פרובירן ווייזן פארן קינד דורך די סיפור אז **עס איז נישטא קיין שום הצלחה פאר די כוחות הרע אויף די וועלט** [מען קען עס מקשר זיין צו די פילע רע וואס געפינט זיך היינט אויף די וועלט - בכלליות ובפרטיות] ווייל אונזערע אויגן זעהן אז באמת האט נישט די רע קיין כח צו געוועלטיגן, כאטשיג עס קוקט אונז אויס אז ער איז געווען א שטארקע גרויסע קעניג, דאך די רגע וואס דער אויבערשטער וויל - צוברעקעלט ער די מעכטיגע מלכות פון מצרים און מאכט זייער קעניג פרעה צו שפאט און צו שאנד און דעמאלטס זעהן אלע אז עס איז נישטא קיין שום כח אויסער דער אויבערשטער.

ג) ארויס צו לערנען פון די מכות און פון די גאולה אז **עס איז דא 'שכר ועונש'**, און אזוי ווי אונז זעהן אז די רשע האט אונז געוואלט שלעכטס טון און דער אויבערשטער האט אים באפוילן ארויס צו שיקן די אידן און ער האט נישט געפאלגט, האט השי"ת אים באשטראפט מיט ביטער שווערע עונשים און ווייל ער האט נישט געפאלגט האט ער דערפאר באקומען גוטע מכות וואונדער איבער וואונדער, און פון די אנדערע זייט - די מורא'דיגע שכר וואס אידן האבן זוכה געווען ווייל זיי האבן זיך יא צוגעהערט צום אויבערשטן, **אונז דארפן פרובירן איינצופלאנצן און אריין צו שיינען אינעם קינד במישרין אדער בעקיפין יראת העונש און שמחת השכר וואס איז די יסוד האמונה.**

ד) עס איז אויך די פאסיגע צייט צו ערוועקן אינעם קינד'ס הארץ אמונת חכמים, ווייל ווער עס האט זיך צוגעהערט צו משה רבינו ער האט מצליח געווען און אלע איבריגע וואס האבן פרובירט צו זיין קלוגער און זאגן אז מען וועט נישט קענען ארויסגיין, זענען טאקע געבליבן און געשטארבן אין די ימי אפילה, און מען קען פארברייטערן אז **די צדיק קומט אין שליחות פונעם אויבערשטן, און ווי איז פאר דער וואס טיילט זיך אפ פון אים און וואויל איז דער וואס פאלגט אים.**

ה) אביסל אויסצוברייטערן דעם גרויסן כח פון תפילה זעקה, און צעקה, וואס דאס האט געברענגט די גאולה בימים ההם אזוי ווי מען זאגט אין די הגדה 'ונצעק... וישמע ה' את קולנו' וואס דאס איז אויך פון די יסודי האמונה "ווייל תפילה איז העכער ווי די טבע! די טבע הייסט עס זאל זיין אזוי און תפילה טוישט די טבע (ליקו"מ ח"א ז'-א'), אין די הייליגע נאכט דארפן מיר מעורר זיין און מחזק זיין דאס קינד **צו גלייבן אין זיין תפילה און אז דער אויבערשטער הערט אויס און נעמט עס אן מיט א מורא'דיגע ליבשאפט**, און ער זאל גלייבן אין יעדן געשריי און קרעכצן וואס גייט ארויס פון זיין מויל, ווי די תורה הקדושה אליין זאגט עדות אז דאס האט געברענגט די גאולה כאטשיג מען איז נישט געווען ראוי - "ויאנחו... ותעל שועתם" "וישמע אלוקים את נאקתם".

דאס עפנט פאר אים און פאר אונז א תקווה, אז אויב ווילן מיר זוכה זיין צו תורה און צו מידות טובות און צו מצליח זיין אין אלעס וואס א איד דארף מצליח זיין ברוחניות וגשמיות, און אויב אונז ווילן ארויסגיין פון אלע שוועריגקייטן וואס נעמען אונז ארום, ליגט אויף אונז א פליכט זיך צו ווענדן צום אויבערשטן וואס הערט אונז אלעמאל אויס. אויך אויב ע"פ טבע קוקט אויס אלעס פארשפארט - די כח התפילה איז אבער אזוי שטארק צו ברענגען ניסים שלא כדרך הטבע, ווייל דער עיקר גלות קומט ווען עס פעלט אמונה אין תפילה און די עיקר גאולה איז אנגעוואנדן אין תפילה וואס איז די שורש האמונה און דאס איז געווען די עיקר גלות מצרים.

ו) די צייט איז אויך געאייגנט צו רעדן איבער די ליבשאפט וואס דער אויבערשטער האט צו אונז ווי באליבטע קינדער, און ער איז גרייט איבער צו דרייען די וועלט פאר אונז און די עיקר ארויס צו נעמען דערפון אן התעוררת און א תקווה אויך פאר אונז און אונזערע צייטן, ווייל זיכער האט דער אויבערשטער נישט געטון מיט אונז סתם אזעלכע וואונדערליכע חסדים, נאר אז אונז זאלן אויך ארויס נעמען דערפון אז אונז האבן נאך האפענונג, ווי רבי נתן זאגט מורא'דיגע ווערטער (שם הודאה ו' ז') "**מִצְוַת זְכִירַת יְצִיאַת מִצְרַיִם, כִּי צְרִיכִים לָשׂוּם אֶל לִבּוֹ לְהַזְכִּיר עַצְמוֹ הֵיטֵב כָּל הַחֲסָדִים וְהַנִּפְלָאוֹת שֶׁעָשָׂה עִמָּנוּ בְּהוֹצִיאָנוּ מִמִּצְרַיִם וְנָתַן לָנוּ אֶת תּוֹרָתוֹ, שֶׁעַל יְדֵי זֶה יֵשׁ לָנוּ תִּקְוָה לָנֶצַח כָּל אֶחָד וְאֶחָד, כִּי בְּכָל דּוֹר וְדוֹר חַיָּב אָדָם לִרְאוֹת עַצְמוֹ כְּאִלּוּ הוּא יָצָא מִמִּצְרַיִם, כִּי בְּוַדַּאי לֹא עַל חִנָּם גָּמַל עָלֵינוּ חֶסֶד כָּזֶה בְּנִסִּים וְנִפְלָאוֹת וְנוֹרָאוֹת כָּאֵלֶּה, שֶׁהוֹצִיאָנוּ מִמִּצְרַיִם וְכוּ' וְקֵרְבָנוּ לְצַדִּיקֵי אֱמֶת בְּכָל דּוֹר דּוֹר וָדוֹר, שֶׁזֶּה הַחֶסֶד בְּוַדַּאי יִשָּׁאֵר קַיָּם לָנֶצַח וְכוּ', וְאָנוּ בְּטוּחִים וּמְחַכִּים וּמְצַפִּים לִישׁוּעָה בְּכָל עֵת שֶׁסּוֹף כָּל סוֹף בֹּא יָבוֹא לֹא יְאַחֵר וְיֵשׁ תִּקְוָה לְאַחֲרִיתֵנוּ**".

## לעובדא ולמעשה

פארשטייט זיך אז מען דארף דאס טון מיט שכל, נישט שווער מאכן פארן קינד מיט לאנגע אויסמוטשנע דרשות, נאר אריין צו פלעכטן מיט איינציגע ווערטער די קלאר ריינע ליכטיגע אמונה, **די פאר ווערטער וואס מען ווארפט אריין אינמיטן פארציילן טוען אסאך מאל מער אויף ווי די גאנצע מעשה.**

אונז - די עלטערן, דארפן זיך אנגרייטן פאר דעם הייליגן נאכט מיט תפילות און בקשות אז מען זאל זוכה זיין דאס אויסצופירן, און אזוי אויך זיך אנגרייטן די ריכטיגע דיבורים און מעשיות מיט וואס מען קען אריינבאקן די פשוט'ע אמונה אין אונזערע קינדער.

און צוזאמען מיט דעם דארף מען זיך מחזק זיין און גלייבן אז דער גוטער רחמנות'דיגע באשעפער וואס האט אונז געהייסן דאס טוען אין דעם נאכט וועט זיכער אויספירן אז די ווערטער וועלן אריינגיין און זיך איינקריצן אין די הערצער פון אונזערע קינדער.

פארזעצונג פון עמוד 5

## די חידוש פונעם הייליגן רבי'נס ספרים

אינעם הייליגן רבינס ספרים טרעפט מען אן עצה און היילונג פונקטליך אויסגעשמועס איבער אלע נסיונות פונעם טאג טעגליכן לעבן פון אונזער היינטיגן דור, פון דעם אליין זעען מיר אז די דיבורים זענען געזאגט געווארן מיט רוח הקודש ספעציעל פאר אונזער אין דור. צום ביישפיל ביי מיר וואס איך האב שטענדיג געזוכט נאר שלימות און זיך נישט באגעניגן מיט קליינע זאכן, האב איך באקומען גענצליך א נייע בליק אויף די גאנצע וועג אין עבודת השם.

פון איין זייט מאכט דער רבי קלאר די גרויסקייט פון יעדן קליינטשיגע נקודה אין עבודת השם, ווען פון די צווייטע זייט לערנט ער אונז אויס נישט צו זיין צופרידן מיט ווייניג נאר שטענדיג האבן שאיפות און ארויפגיין העכער און העכער אין די וועגן פון שלימות, און דאס איז טאקע דעם כח פונעם צדיק האמת אריינצוברענגען אינעם מענטש דעם כח אנצוכאפט דעם שטריק פון ביידע זייטן, זיך נישט מייאש זיין פון קיין שום זאך אין די וועלט, און נישט נאכלאזן פון דינען דעם אויבערשטן אין קיין שום מצב.

## יסודות און כוחות זיך צו שטארקן און באנייען שטענדיג

איינע פון די שטערקסטע יסודות ביים הייליגן רבי'ן איז דער ענין פון זיך באנייען און אנהייבן שטענדיג פון פריש. אין ליקוטי מוהר"ן תורה ו' רופט דאס דער רבי אן "תשובה על תשובה", א מענטש זאל זיך כסדר רוקן צו א העכערע מדריגה און תשובה טון אויף זיין פריערדיגע מדריגה וואו ער איז דאן אנגעקומען דורכ'ן תשובה טון אויף זיין מדריגה פון פארדעם. זאגט דארטן דער רבי אז די זאך פון 'תשובה על תשובה' גייט דורך בזיונות און שפיכת דמים.

פאר א מענטש איז גאר שווער אראפצושלינגען די זאך אז זיין פריערדיגע מדריגה איז נישט געווען גוט און ער דארף יעצט זיך רוקן צו א צווייטע ארט. ווען א מענטש כאפט אז ביז יעצט איז ער נישט געווען אויפן ריכטיגן וועג און ער דארף זיך יעצט צוריקקערן און תשובה טון דאס איז ממש א בחינה פון 'שפיכת דמים'. דאס איז איינע פון די סיבות פארוואס עס איז שווער פאר מענטש – בפרט ערוואקסענע, צו מקורב ווערן צו ברסלב, ווייל זיי דארפן אראפשלינגען אז ביז יעצט האבן זיי נישט געהאט באמת דעם ריכטיגן וועג אין עבודת השם, און דאס איז גאר שווער.

אבער אינעם הייליגן רבי'נס דיבורים ליגן אלע יסודות און כוחות זיך צו שטארקן אויף די מניעות און בזיונות, צו מודה זיין על האמת און טון תשובה על תשובה, צו האבן די ריכטיגע שכל און זיך פרייען אז כאטש יעצט ווייס איך פארוואס איך בין געקומען אויף די וועלט, און מעגליך אז אלס וואס איך האב אנגעקוקט ביז אהער אלץ די ריכטיגע וועג איז טאקע א חלק פונעם וועג צוצוקומען צום אמת לאמתו, איך בין גרייט אויך מארגן און איבער מארגן ווידעראמאל אנטפלעקן אז מיין יעצטיגע מדריגה איז נישט די ריכטיגע און זיך רוקן ווייטער אויף ארויף.

לאמיר זיך א רגע מתבונן זיין; דער הייליגע רבי שוין נאך וואס ער האט משיג געווען אלע פארכטיגע מדריגות און השגות וואס ער האט משיג געווען, אפילו הכי האט ער זיך שטענדיג אריינגעברענגט אין א מצב וואס ער האט זיך באמת געשעמט פארן אויבערשטן, מיט א געפיל אז ער האט נאך בכלל נישט אנגעהויבן אים דינען, פון די העכסטע הייליגסטע מדריגות האט ער אויפגעהויבן זיינע אויגן מיט בענקשאפט און געפרעגט "ווי אזוי איז מען זוכה צו זיין א איד". און אזוי ביי יעדע מדריגה אזוי דער הייליגע רבי נתן זי"ע שמועסט אויס באריכות אין ליקוטי הלכות, הלכות תפילין הלכה ה'.

לאמיר זיך אנגארטלען און זיין גרייט אפילו אויף דער עלטער ביי די 60 70 יאר – און ביז אונזער לעצטן טאג אויף די וועלט – שטענדיג זיך צו באנייען אין עבודה השם ווי גלייך מיר האבן נאך גארנישט אנגעפאנגען. ביי די 120 אדער ביי די 65 זאלן מיר אויפשטיין אינדערפרי און אנהייבן פונדאסניי - אפילו אויב מיר ווען דארפן איינער וואס זאל אונז העלפן לייגן תפילין - זאלן מיר טראכטן "אוי רבוש"ע איך וויל זיין אן ערליכע איד, איך וויל זוכה זיין צו אנהייבן דיר דינען..." חז"ל האבן שוין געזאגט 'בכל יום יהיה בעיניך כחדשים', יה"ר אז מיר זאלן זוכה זיין זיך באנייען שטענדיג!.

# אילנא דחיי

עובדות און סיפורים פון פארצייטישע חסידים

# אונטער די מאסקע

ריזיגע פלאקאטן אויסגעהאנגען אין די גאסן פון שטאט האבן געצויגן די אויגן פון די פארבייגייער. פילע פון זיי האבן זיך אפגעשטעלט פון דער נאנט און געליינט מיט נייגער: "א פארשטעלונג פון סדר נאכט – א סצענע פול מיט מיט אונטערהאלטונג, צום געדענקען! דורך די בעסטע שפילער און קאמעדיאנטן, קומט אין די מאסן!"

עס איז דאן געווען אין די צייטן פון די קאמעניסטישע הערשאפט אין אומאן, אזוי ווי אין יעדע שטאט אין ראטנפארבאנד, זענען געווען צוויי סארטן אידן: אזעלכע וואס האבן זיך געהאלטן מיט מסירת נפש און געהיטן תורה ומצוות טראץ די סכנה דערין; און אזעלכע וואס זענען ליידער פארכאפט געווארן מיט די רייצנדע סאציאליסטישע ווינטן וואס האבן אויסגעריסן פון זיי יעדע שפיר פון אידישקייט.

נישט ווייניג פון זיי האבן ליידער מקיים געווען בהידור דעם מאמר חז"ל: "פארוואס ווערן די אידן געגליכן צו די שטערנ'ס און צו די זאמד? ווייל ווען זיי שטייגן – דערגרייכן זיי ביז צו די שטערנ'ס, אבער ווען זיי נידערן – פאלן זיי ביז צו דער ערד..." די לעצטערע זענען פארוואנדלט געווארן אין א שארפע געווער דורך די רעגירונג אין איר קריג - מיט די אידישע הייליגטומען, ווי זיי זענען גענוצט געווארן אין קאמישע פארשטעלונגען געצילט אויסשליסליך צו מאכן די תורה ומצוות צו שאנד און צו שפאט.

און אזוי קומען מיר צו צו די שרייענדע פלאקאטן וואס מעלדן אז "די גרויסע שפיל – א פארשטעלונג פון סדר נאכט" איז אנגעקומען אין שטאט. טראצדעם וואס אונטער דעם זענען געשטאנען די אידן פון צווייטן סארט, אבער אויף דעם ווערט דאך שוין געזאגט: "ישראל אף על פי שחטא ישראל הוא", אפילו א איד וואס זעהט אויס ווי דער ערגסטער פון די ערגסטע, אבער אין די טיפענישן פון זיין נשמה טוליעט נאך א הייליגע פונק פון אמונה. און א באוויז דערויף זענען א קאמפאניע שפילערס פון "די סדר נאכט פארשטעלונג" וואס האבן אנגעקלאפט אין טיר פון ר' לוי יצחק, אבער לאמיר גיין מיט א סדר.

• • •

### פארדעכטיגע אגענטן...

אין זיין שטוב אין אומאן זיצט ר' לוי יצחק בענדער, פון די גרויסע ברסלב'ע חסידים, און עסט די סעודה פון שבת חול המועד פסח אינאיינעם מיט זיין פאמיליע, פלוצלינג הערט זיך קלאפן אויפן טיר, ר' לוי יצחק גייט צו עפענען, קעגן אים שטייען צוויי אידן מיט בלויזע קעפ און ראזירטע בערד. "א גוט שבת און א פרייליכן יו"ט", גריסן זיי. ר' לוי יצחק גריסט זיי צוריק, ווען זיין הארץ פלאטערט מיט פאניק: "ווער ווייסט וואס דאס באדייט? גאנץ מעגליך באהאלטענע פאליציי אגענטן פון נ.ק.וו.ד.?"

אין יענע טעג האט געוועסטיגט א פארדאכט אין הארץ פון יעדן איד, אז אט אט וועט ער ארעסטירט ווערן 'פארן זינד פון היטן אידישקייט'. און ווי צו באשטעטיגן דעם פארדאכט, ווענדן זיך די צוויי צו אים מיט א פראגע: "אפשר קענסטו אונז געבן מצות אויף יו"ט?"

"ווייזט אויס אז מיין אפשאצונג איז ריכטיג, דאס זענען באהאלטענע פאליציי. וואס טוט מען? מאין יבוא עזרי?" טראכט ער. טראץ זיין זארג האט ער געהיטן אויף א רואיגע געזיכט אויסדרוק: "מצות? וואס רעדט איר? נישטא אין מיין הויז אזא זאך!"

אבער די צוויי האבן זיך נישט געאיילט אוועקצוגיין. זיי זענען געבליבן שטיין, און צו זיין שטוינונג האט ר' לוי יצחק אינאכט גענומען אין א מינע פון אנטוישונג אויף זייערע פנימ'ער. נישט האַס, נישט די טיפישע הארטנעקיגקייט פון די רעליגיע נאכפאלגער, נאר פשוט אן אמת'ע צער...

מיט א בעטנ'דע שטימע האבן זיי אנגעהויבן דערציילן וואס ברענגט זיי אהער: "וויסן זאלסטו טייערער איד, אז מיר זענען נאך קיינמאל נישט נכשל געווארן מיט עסן חמץ אין פסח, דאס איז פון אונזער זייט די ירושה ליניע וואס מיר וועלן אויף קיין פאל נישט אריבערגיין. מיר זענען מודה אז מיר זענען דא אין שטאט פאר א שטארק פארשעמטע מיסיע, נעמליך, אנטייל צו נעמען אינעם "סדר נאכט פארשטעלונג", אומוועלנדיג זענען מיר אהערגעשלעפט געווארן צו דעם געשפעט און געלעכטער פונעם הייליגן יו"ט און איר מצוות.

• • •

### לשם מצות מצוה

ר' לוי יצחק איז געווען אויסער זיך, ער האט געהאט א טיפן בליק און געקענט אונטערשיידן צווישן אגענטן פון די נ.ק.וו.ד. וועלכע פארשטעלן זיך אלס איינפאכע מענטשן, צו פארבלאדשענטע אידן אין וועמענ'ס הארץ עס פליסט א ריינע אמונה אין הקב"ה.

מיט אנגעשפיצטע אויערן האט ער אויסגעהערט די אידישע שפילער: "טראץ אונזער אויסזען ווי גוים אין אלע הינזיכטן היטן מיר אבער אין געהיים אלע מצוות פון יום טוב, קיינער ווייסט נישט דערפון, נישט די דירעקטארן, און אפילו נישט אונזערע קאלעגעס, מיר זענען געקומען צו דיר נאכ'ן הערן אז ביי דיר קען מען האבן מהודר'דיגע מצות, מיר בעטן דיר, זאג אונז נישט אפ!"

און זיי לייגן צו: "היינט איז דאך שבת קודש און מיר קענען דיר נישט באצאלן אויפן פלאץ, אבער גלייבן אונז נאך שבת וועלן מיר דיר באצאלן די פולע פרייז פאר די מצות".

ר' לוי יצחק איז אריין אין שטוב און נאך א קורצע ווײלע צוריקגעקומען מיט א גוט פארפאקטע זעקל מצות, וואס ער האט איבערגעגעבן פאר די צוויי 'שפילער'. די פריידיגע בליץ אין זייערע אויגן האט ר' לוי יצחק קיינמאל נישט פארגעסן; די אמת'ע שמחה פון א איד וואס זוכט צו טוהן דעם באשעפער'ס ווילן!

די צוויי האבן געהאלטן ווארט, נאך שבת זענען זיי צוריקגעקומען און פול מיט דאנק באצאלט פאר די מצות, און אפילו צוגעקויפט נאך מצות עס זאל קלעקן אויך פאר די איבריגע יו"ט טעג.

די מעשה איז פארבליבן איינגעקריצט ביי ר' לוי יצחק אין הארץ, ער האט עס פיל מאל איבערדערציילט, ארויסברענגענ'דיג ווי ווייט מען קען נישט אפשאצן א אידישע נשמה, ווייל אפילו עס זעהט אויס ווי זיין גאנצע ציל איז אפצולאכן פון תורה ומצוות איז דאס אבער נאר א 'צודעק'...

**"כי מי שיודע קדושת ישראל, מאין הם לקוחים, ויודע רוחניות ודקות של ישראל – הוא יודע שישראל הם רחוקים לגמרי מעוון, ואין עוון שייך להם, כלל וכלל לא – לפי גודל קדושתם משרשם, וגודל דקותם ורוחניותם"** (ליקו"מ ח"ב, ז).

# והחיה נרדמים

פארזעצונג פון
עמוד 1

## זיך איבערצייגן כדי צו גלייבן

נאכן זיך באקענען מיט יענקל דער בעל הבית פון שמערל, ווערן מיר געוואר אז א מענטש קען האבן טראסט אפילו אויף פיל מער וויפיל ער האט זיך זעלבסט איבערצייגט, די זעלבע זאַך - איז רבי נתן מסביר (פסח הלכה ז') - איז מיט אונזער אמונה אינעם אויבערשטן.

אַודאי געוויס קען אַ מענטש נישט אַוועק שטעלן זיין אמונה אויף זיין אייגענעם שכל, אַז ער פאַרשטייט און איז איבערצייגט אַז עס איז דאָ אַ באַשעפער, ווייל ווי געזאָגט איז דאָס זייער אַן איינגעשטעלטע וועג, וועלכער איז נישט פאַרזיכערט קעגן אַלע בייזע ווינטן פון אפיקורסות וועלכע בוזשעווען אין דער וועלט. נאָר אויף וואָס מען דאַרף יאָ נוצן דעם פאַרשטאַנד איז: צו איבערצייגן זיך זעלבסט אַז די 'אמונה' איז פאַרלעסליך און באַגלייבט.

דאָס הייסט, אַז דורכן פאַרציילן און שמועסן איבער די אַלע וואונדערליכע מופתים וואָס דער באשעפער האָט באַוויזן ביי יציאת מצרים - און אַזוי אין אַלע דורות שפּעטער, דורכדעם ווערט אַ מענטש איבערצייגט מיט אַ קלאָרקייט, אַז עס איז דאָ אַ באַשעפער אויף דער וועלט. נאָר פונדעסטוועגן דאָך טאָר ער נישט בלייבן נאָר ביי דעם פאַרשטאַנד, נאָר ער דאַרף נעמען דעם דאָזיגן פאַרשטאַנד און דערמיט פאַרשטיין אַז ער דאַרף גלייבן מיט אמונה פשוטה אין זיינע עלטערן וועלכע האָבן אים איבערגעגעבן דאס אידישע אמונה.

ווייל טאָמער וויל זיך אַ כופר עקשנ'ען און לייקענען חלילה, קען ער נאָך אַלץ אויפקומען מיט פאַרקרימטע טעאָריעס און אַוועקמאַכן אַלע מופתים, און מען וועט אים טאַקע נישט קענען אויפווייזן שוואַרץ-אויף-ווייס די ריכטיגקייט פון די אמונה, וויבאַלד ער זוכט נישט דעם אמת, ער וויל גיין אין דאס גלוסטעניש פון זיין האַרץ, דעריבער עקשנ'ט ער זיך מיט קרומע סברות זיך צו פאַרהוילן פונעם אמת.

אָבער אַ איד וואס וויל זיך נישט נאַרן, ער זוכט נאָר דעם אמת, ווען ער פאַרציילט דעם 'סיפור יציאת מצרים' קומט ער צום איבערצייגונג אז עס איז דאָ איין איינציגער באַשעפער וואָס טוט אַלעס און פירט אַלעס, דאַן באַשליסט ער: "איך גלייב אין מיינע עלטערן וואָס האָבן מיר איבערגעגעבן די אמונה, ווייל נאָך אַזעלכע מורא'דיגע וואונדער, שמעק איך שוין אַז אונזער אידישע טראַדיציע איז קראַנטער פון קראַנט, איך פאַרשטיי שוין אַז איך דאַרף אַוועקלייגן מיין שכל פאַר מיינע עלטערן און זיי גלייבן מיט אמונה שלימה, אַזוי אַז קיין שום ווינט אויף דער וועלט קען מיר נישט אַוועקבלאָזן פון מיין אמונה אינעם אויבערשטן".

ווי מער אַ מענטש פאַרשטייט מיט זיין אייגענעם שכל אַז די 'אמונה' איז ריכטיג - אַלץ שטערקער ווערט די אמונה אויפגעבויעט ביי אים, עס ווערט אַ לעבעדיגע געזונטע אמונה, אַזוי קען מען גרייכן אַז אפילו היינט-צוטאָג אין גלות, זאָל זיין: "**לילה כיום יאיר**", מען זאָל האָבן אַ ליכטיגע אמונה ווי גלייך מען זעט עס מיט די אויגן; אַזויווי עס וועט זיין אינעם ליכטיגן גאולה-טאָג בב"א.

BRN דימון | עיצוב ותדמית